# די לוויה פֿון אַבֿרהם סוצקעווער (ע"ה) – דער לעצטער פֿון די „יונג ווילנע“

ברוך דיין האמת – דער גרויסער ייִדישער פּאָעט, באַזינגער פֿון ווילנער געטאָ, אַבֿרהם סוצקעווער, איז צו 96 יאָר, אַוועק אויפֿן עולם האמת, און איז געבראַכט געוואָרן צו קבֿורה אינעם בית עולם פֿון קרית שאול, אין תּל-אָבֿיבֿ, לעבן רמת השרון, אין ישׂראל, – ט' שבט, תש"ע – זונטיק דעם 24סטן יאַנואַר, 2010.

די לוויה איז פֿאָרגעקומען אין אַ ווינטיקן ישׂראלדיקן ווינטער-טאָג, אונטער אַ האַלב-פֿאַרוואָלקנטן הימל. מע וואָלט געקענט מיינען, אַז דער הימל האָט זיך באַמיט איינצוהאַלטן פֿון וויינען. אַ קהל פֿון ניט ווייניקער פֿון 200 מענטשן איז געקומען באַגלייטן דעם דיכטער אויף זײַן לעצטן וועג. צווישן זיי זײַנען געווען פֿון די וויכטיקסטע ייִדישע קולטור-פּערזענלעכקייטן אין לאַנד: שרײַבערס און דיכטערס און זשורנאַליסטן און זינגערס און אַקטיאָרן, פּראָפֿעסאָרן און אויך אַ באַדײַטנדיקע צאָל יונגע סטודענטן פֿון ייִדיש.

איבערן אינטערנעץ איז אַרויסגעשיקט געוואָרן די טרויעריקע בשׂורה, צו צענדליקער נעץ-אַדרעסן, אַרײַנגערעכנט צו אַלע כּנסת דעפּוטאַטן און אויך צו אַ צאָל נײַעס אַגענטורן. פֿון דער ירושלימער ייִדישער קולטור געזעלשאַפֿט איז אָנגעקומען אַן אויטאָבוס, נאָך דעם ווי צענדליקער טעלעפֿאָן־קלונגען זײַנען געמאַכט געוואָרן צו באַקאַנטע און פֿרײַנד, זיי זאָלן זיך צום לעצטן מאָל געזעגענען מיטן גרויסן פּאָעט און ליטעראַטור-ריז, אַבֿרהם סוצקעווער.

די טאָכטער, מירע סוצקעווער, די וואָס האָט אין די לעצטע יאָרן געזאָרגט פֿאַר אים און איז געווען בײַ זײַן זײַט ביז צום סוף – איז געווען די ערשטע מספּיד צו זײַן איר טײַערן פֿאָטער אין ייִדיש און טייל־ווײַז אויך אין העברעיִש. נאָך דעם האָט גערעדט אויף העברעיִש דער איידעם, דער אַרכיטעקט משה קלדרון („קאַלדעראָן“) — וואָס האָט שפּעטער אויך געזאָגט קדיש נאָכן נפֿטר.

פֿון דער ייִדישער אַקאַדעמישער און ליטעראַרישער וועלט האָט מיט גרויס צער זיך אויסגעדריקט אויף ייִדיש דער פּראָפֿעסאָר אַבֿרהם נאָווערשטערן פֿון העברעיִשן אוניווערסיטעט, וואָס האָט האַרציק דערציילט וועגן סוצקעווערן, און ווי אַזוי ער האָט מאָטיווירט יונגע מענטשן צו שרײַבן דווקא אין ייִדיש. ער האָט דערציילט וועגן סוצקעווערס לעבנסווערק – די 141 אויסגאַבעס פֿון דעם בעסטן ליטעראַרישן חודש-זשורנאַל אויף דער וועלט, „די גאָלדענע קייט“ – וואָס ער האָט מיט אַזוי פֿיל מסירת-נפֿש אַרויסגעגעבן אין ישׂראל במשך פֿון עטלעכע צענדליק יאָר.

נאָך דעם, האָבן צוויי פּאָעטן פֿאָרגעלייענט ערשט-אָנגעשריבענע לידער לזכר זייער חבֿר-פּאָעט. דאָס זײַנען געווען דער דיכטער אַלכּסנדר שפּיגלבלאַט און די דיכטערין רבֿקה באַסמאַן [זעט באַזונדער איר ליד, אונטן].

דער פֿאָרזיצער פֿון ייִדישן שרײַבער-פֿאַריין, דער מוזיקער דניאל גאַלאַי האָט אין נאָמען פֿון די אַלע שרײַבערס און פּאָעטן וואָס האָבן דעם נפֿטר געקענט, וואַרעם גערעדט וועגן סוצקעווערן. ער האָט אויך אונטערגעשטראָכן אַז דער ברייטער ציבור אין לאַנד ישׂראל קען, לײדער, ניט געניסן פֿון די געשאַפֿענע ייִדיש-אוצרות, מחמת מען איז ווײַטער טויב און שטום צו דער שפּראַך אין וועלכער סוצקעווער האָט געשאַפֿן.

מערקווערדיק איז געווען די אָנוועזנהייט פֿון דעם אַמבאַסאַדאָר פֿון ליטע אין ישׂראל, דאַריוס דעגוטיס, וואָס האָט אויף ענגליש רירנדיק איבערגעגעבן זײַן מדינהס מיטגעפֿיל, און דערציילט ווי פֿרײַטיק אינדערפֿרי, אין אַ ספּעציעלער פֿאַרזאַמלונג פֿון פּאַרלאַמענט פֿון ליטע, האָט מען אָפּגעגעבן כּבֿוד סוצקעווערן מיט אַ דערמאָנונגס-רעדע לזכר אים, און אַלע ליטווישע פּאַרלאַמענט-דעפּוטאַטן זײַנען געשטאַנען איין מינוט שטיל אין זײַן אָנדענק.

רות לעווין האָט מיט גרויס עמאָציע אויסגעזונגען סוצקעווערס באַקאַנט ליד „*אונטער דײַנע ווײַסע שטערן*“.

בײַם קבֿר האָט אויך זייער רירנדיק גערעדט זײַן אייניקל הדס קלדרון, די באַקאַנטע ישׂראלדיקע אַקטריסע פֿון טעאַטער, טעלעוויזיע, און פֿילם. זי האָט, צווישן אַנדערן, דערציילט ווי זי האָט אין דײַטשלאַנד געלייענט פֿון איר טײַערן זיידנס ווערק, פֿאַר אַ דײַטשישן עולם, וועגן וואָס איז פֿאָרגעקומען אין די פֿינצטערע יאָרן פֿונעם חורבן.

פֿאַרבליבן פֿון דער משפּחה זײַנען צוויי טעכטער, מירע און רינאַ (קאַלדראָן), און די צוויי אייניקלעך הדס און שי.

קיין כּנסת פֿאָרשטייערס זײַנען ניט געקומען אָפּצוגעבן דעם לעצטן כבוד דעם וויכטיקסטן ייִדישן ליטעראַטור-מענטש אין דער הײַנטיקער צײַט... פֿון די ישׂראלדיקע נײַעס-אַגענטורן זײַנען, אויף וויפֿל מע האָט געקענט זען, אויך ניט געווען. בלומען אויפֿן פֿרישן קבֿר האָבן אַוועקגעלייגט מיט טיפֿן כּבוד: אין נאָמען פֿון תּל-אָבֿיבֿער שטאָט-ראַט, דער געוועזענער בירגערמײַסטער – דער לאַנג-יאָריקער פֿרײַנד פֿון ייִדיש, – שלמה "טשיטש" להט; פֿון דער ייִדישפּיל-טעאַטער, שמואל עצמון; פֿון דעם ווילנער פֿאַרבאַנד; פֿון דער ליטווישער אַמבאַסאַדע; און פֿון יונג-ייִדיש, דער יונגער אַקטיוויסט מענדי כּהנא, אויף וועמענס שילדל איז געשטאַנען: ***„היטער און שלייפֿער פֿון ליכטיקע ווערטער“*** [זעט אין דער פֿאָטאָגראַפֿיע #06].

עס וועט נאָך לאַנג הערשן אויף דער ייִדישער גאַס אַ שווערע שטימונג פֿון טרויער, וואָס נאָך איינער פֿון די ווייניק-פֿאַרבליבענע שעפֿערס פֿון פֿרעירדיקן דור – און נאָך אַזאַ ריז דערצו, – איז פֿון אונדז צוגענומען געוואָרן. די טרייסט איז בלויז אין דעם, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט וויכטיקע ווערק וואָס ווערן געלייענט און געלערנט פֿון יונגע מענטשן אויף די קאַמפּוסן פֿון די פֿאַרשיידענע אוניווערסיטעטן איבער דער וועלט ווו מע לערנט ייִדיש. לאָמיר האָפֿן, אַז די און אַנדערע ווערק וועלן אויך זײַן אַן אימפּעט פֿאַר נײַע שאַפֿונגען.

כּבֿוד זײַן אָנדענק.

- לייבל באָטוויניק, ישׂראל.

<u>וועגן דעם דיכטער אַבֿרהם סוצקעווער:</u>

אַבֿרהם (בן הערץ) סוצקעווער, דער לעצטער פֿון די „יונג ווילנע" שרײַבער, איז געבוירן געוואָרן אין 1913 אין סמאָרגאָן, ווײַסרוסלאַנד, און שפּעטער, מיט די עלטערן זײַנע, האָט ער זיך אַריבערגעצויגן קיין ווילנע, וואָס איז געוואָרן זײַן היימשטאָט. דאָרט האָט ער אָנגעהויבן זײַן ליטעראַרישע קאַריערע, און איז געוואָרן איינער פֿון די דיכטער-שרײַבער פֿון דער גרופּע באַקאַנט אונטערן נאָמען „יונג ווילנע“.

בעת דער צווייטער וועלט-מלחמה איז ער געוואָרן דער באַזינגער פֿון די לעצטע טעג פֿון ווילנער געטאָ. ער האָט אָנגעשריבן אַרום 80 לידער אין געטאָ, און שפּעטער אין די וועלדער אַרום ווילנע, ווּ ער איז אַנטלאָפֿן צו ווערן אַ פּאַרטיזאַנער זיך שלאָגן קעגן די נאַצישע בעסטיעס. ער האָט געשריבן אַזעלכע באַקאַנטע לידער ווי „*אונטער דײַנע ווײַסע שטערן*“, דאָס הימל-רײַסנדיק טראַגיש ליד וועגן דעם מסירת-נפֿש פֿון „*די לערערין מירע*“ וואָס באַגלייט אירע פֿאַרבליבענע תּלמידים אויף זייער לעצטן וועג, און דאָס ליד „*די בלייַענע פּלאַטן פֿון ראָמס דרוקערײַ*“, און נאָך אַ סך אַנדערע, וואָס ווערן אָפֿט רעציטירט אויף יזכּור-אַקאַדעמיעס.

אין 1947 איז ער עולה געווען קיין ישׂראל מיט זײַן פֿרוי פֿרידאַ און צוויי טעכטערלעך, ווּ ער האָט ווײַטער געשאַפֿן אוצרות פֿאַר דער ייִדישער ליטעראַטור. ער קעמפֿט אויס בײַ די היגע אינסטאַנצן צו שאַפֿן אַ ליטעראַרישע צײַטשריפֿט, און ווערט רעדאַקטאָר פֿונעם זשורנאַל „די גאָלדענע קייט“ פֿון 1949 ביז 1998. עס דערשײַנען 141 נומערן, וואָס יעדער נומער אַנטהאַלט אַן ערך 200 זײַטן פֿון לידער, מעשׂיות און אַרטיקלען (אַרײַנגערעכנט פֿון אים אַליין) – פֿון די בעסטע שרײַבערס און דיכטערס פֿון דער צײַט.

לייבל באָטוויניק

**<u>אבראשע</u>**

(געלייענט פֿון רבֿקה באַסמאַן בעתן הספּד פֿון אַבֿרהם סוצקעווער
– זונטיק דעם 24טן יאַנואַר, 2010. ט' שבט, תש"ע)

אַלץ ווייניקער און ווייניקער בלײַבן מיר
און פּרוואוון נאָך אַלץ דערציילן.
די זוניקע יאָרן קלײַבן מיר,
די פּײַנלעכע יאָרן פֿאַרטרײַבן מיר אין ווערטער
די צײַט צו פֿאַרהיילן.